# הגאון ר׳ יוסף דוב הלוי סאָלאָווייטשיק, נ״ע

ער איז נפטר געוואָרן דעם צווייטן טאָג חול המועד פסח, תשנ״ג, אין עלטער פון 90 יאָר אין באָסטאָן. – וואָס ער איז געווען, און וואָס ער האָט אויפגעטאָן. – זיין ראָלע אין דער ישיבת ר׳ יצחק אלחנן און זיין השפעה אין דער אידישער אַמעריקע בכלל. – דער רבי פון צוויי דורות תלמידים־רבנים. – עטלעכע ביאָגראַפישע שטריכן פון זיין פערזענלעכקייט.

פון הרב אהרן בן־ציון שורין

זונטיק פרי, ערב שביעי של פסח, תשנ״ג, האָט די אידישע תורה־וועלט – די אַמעריקאַנער רבנים פון אגודת הרבנים און הסתדרות הרבנים; די ישיבה־וועלט, צווישן זיי די תלמידים פון ישיבת ר׳ יצחק אלחנן מיט די ראשי הישיבה, בראש מיט הרב דר. נחום לאַם, דער נשיא פון ישיבה־אוניווערזיטעט – זיך געזעגנט מיט דעם פיל געאַכטעטן גאון הדור, דער רבי און רב־רבנן פון דורות תלמידים־רבנים, הרב ר׳ יוסף דוב הלוי סאָלאָווייטשיק נ״ע. (ער איז נפטר געוואָרן אין עלטער פון 90 יאָר, אין באָסטאָן, דעם 2טן טאָג חול המועד פסח, תשנ״ג).

די לוויה איז געווען באַשטימט אויף 10:30 אַזייגער פרי אין באָסטאָן אין דער דאָרטיקער רמב״ם־ישיבה. צוליב דעם וואָס ס׳איז געווען ערב יום־טוב, און ווייל אַ סך פון די טויזנטער באַטייליקטע אין דער לוויה פון גאַנצן לאַנד, ווי אויך פון קאַנאַדע, האָבן נאָך געדאַרפט פאָרן צוריק אַהיים, האָט מען ניט געקענט מאריך זיין מיט פרובירן שילדערן די גרויסקייט פון ר׳ יאָשע בערן. עס וועט נאָך אַלץ בלייבן ווי ניט אָנגערירט אפילו אַ טראָפּן פון זיין גרויסקייט.

אונטער די אומשטענדן, וויל איך זיך דערוייל בלויז באַנוצן מיט אַ מליצה פון דער משנה (סוטה, פרק ט, משנה ח): „משמת יוסי בן יועזר איש צרדה ויוסי בן יוחנן איש ירושלים בטלו האשכולות.״ (פון די „זוגות״ פון די ממשיכי ומקבלי התורה, און וואָס זיינען געשטאַנען אין שפּיץ פון דער סנהדרין אין ירושלים. זיי ווערן דערמאָנט אין דער משנה „אבות״ א, ד). די גמרא טייטשט דאָס וואָרט אשכול – „איש שהכל בו״; אַ מאַן וואָס אַלץ איז פאַראַן אין אים, וואָס זיין תורה איז אמת. דער רמב״ם אויף דער משנה איז מסביר: „ואשכולות, כינוי על אדם הכולל המידות ומעלות והחכמות לפי מיניהם, והוא מה שאמרו: אשכולות, איש שהכל בו״. אין אידיש: אַ מענטש וואָס האָט אין זיך אַלע גוטע מידות, מעלות און אַלע פאַרשידענע חכמות. און בדרך סאָלאָווייטשיק, און דאָס אייניקל פון באַרימטן בריסקער רב, רבי חיים סאָלאָווייטשיק און אור־אייניקל פון ר׳ יאָשע בער, דער „בית הלוי״, דער פריערדיקער רב פון בריסק און ראש ישיבה פון דער וואָלאָזשינער ישיבה, וועמענס נאָמען ער האָט געטראָגן.

אין זיינע פריסטע יונגע יאָרן האָט ער געלערנט ביי זיין פאָטער. פריער אין ראַסיין, ליטע און שפּעטער אין כאַסלאַוויץ (ר׳ משה איז געווען דער רב אין די דערמאָנטע שטעט). שוין אין יענע יונגע טעג האָט מען באַלד געזען די עילוי׳שע פעאיקייטן פון דעם יונגן „בערל״ (אַזוי האָט מען אים גערופן אין זיין משפחה). זיין פאָטער האָט „געשטאָפּט״ אין אים תורה וויפיל נאָר ער האָט געקענט. און דער יונגער עילוי האָט גענומען.

אין יאָר תרפ״ה (1925) אין עלטער פון 22 יאָר, ווען ער איז שוין געווען אַ גאון אין תורה, האָט ער שטודירט אין בערלינער אוניווערזיטעט פילאָזאָפיע און מאַטעמאַטיק. זיין דאָקטאָראַט אין פילאָזאָפיע האָט ער באַקומען אין יאָר 1931. אין זעלבן יאָר האָט ער חתונה געהאַט מיט זיין פרוי טאָניא לעוויטע פון ווילנע.

אין יאָר 1932 איז ער אויפגענומען געוואָרן פאַר רב פון באָסטאָן, וואו ער האָט געדינט ביז זיין פטירה. אין 1941, נאָך דער פטירה פון זיין פאָטער, איז ר׳ יוסף בער, אין עלטער פון 38 יאָר, געוואָרן ראש ישיבה פון ישיבת ר׳ יצחק אלחנן. ער האָט דאָרט ישיבת ר׳ יצחק אלחנן האָט קיינער ניט געגלויבט, אַז מען קאָן דאָ, אין אַמעריקע, אויך לערנען תורה און מרביץ תורה זיין אויף אַ הויכן ניוואָ, אין גייסט פון וואָלאָזשין און בריסק. דער גרינדער פון דער ישיבה הרב דר. דוב רעוועל, אַ געוועזענער תלמיד פון דער טעלזער ישיבה פון דער ליטע, האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פון דער ישיבה אין דעם דערמאָנטן גייסט. ניט אומזיסט האָט די ישיבה אַלע יאָרן אויך געטראָגן דעם נאָמען „עץ חיים״, דעם נאָמען פון דער וואָלאָזשינער ישיבה, אין צוגאָב צו „ר׳ יצחק אלחנן״.

און אַזוי ווי דר. רעוועל האָט געוואָלט זען די ישיבה אין גייסט פון וואָלאָזשין, האָט ער געזוכט ראשי ישיבה מיט דער תורה פון וואָלאָזשין. אין דער ריכטונג האָט דר. רעוועל געבראַכט אַלס ראשי ישיבה דעם מייטשעטער עילוי, ר׳ שלמה פּאָלאַטשעק; און נאָך זיין פטירה האָט דר. רעוועל איינגעלאַדן אַ צווייטן וואָלאָזשינער, ר׳ משה סאָלאָווייטשיק. דערפאַר איז געווען אַזוי נאַטירלעך, אַז דער ממלא מקום פון זיין פאָטער זאָל זיין ר׳ יאָשע בער, דער גייסטיקער פאָרזעצער פון זיין גרויסן פאָטער.

לאָמיר צוגעבן, אַז די וואָלאָזשינער קייט ציט זיך נאָך אַלץ אין דער ישיבה, לאורך ימים ושנים טובות, מיט דעם ראש־ישיבה הגאון ר׳ אהרן סאָלאָווייטשיק שליט״א, וואָס איז



הרב ר׳ יוסף בער סאָלאָווייטשיק

אויך דער ראש ישיבה פון ישיבת בריסק אין שיקאַגאָ.

ס׳איז כדי צו באַטאָנען, אַז אין דער תקופה פון ר׳ יאָשע בער סאָלאָווייטשיק האָט די ישיבה אַרויסגעגעבן צוויי דורות תלמידים גדולי תורה, רבנים גדולי תורה, און אפילו פּראָפעסיאָנאַלן, אַקאַדעמיקער, לומדי תורה און שומרי מצוות. דאָס איז געווען אַ זעלטנקייט אין אַמעריקע ביז דער צייט פון ישיבת ר׳ יצחק אלחנן, און די צייט פון ר׳ יאָשע בערן אין דער ישיבה.

לאָמיר שטאַרק געדענקען, אַז ביז דער תקופה פון ישיבת ר׳ יצחק אלחנן האָט קיינער נישט געוואַגט צו עפענען אין אַמעריקע אַ ישיבה פון העכערן

(שלוס אויף זייט 22)

מען ניט געקענט מאריך זיין מיט הספדים. דער איינציקער וועלכער האָט מספיד געווען און זיך געזעגנט מיטן נפטר אין אַלעמענס נאָמען איז געווען זיין אינגערער ברודער הגאון ר׳ אהרן סאָלאָווייטשיק שליט״א; דער ראש ישיבה פון דער בריסקער ישיבה אין שיקאַגאָ און פון ישיבת ר׳ יצחק אלחנן אין ניו יאָרק.

אין זיין הספד, וועלכער לאָזט זיך ניט איבערגעבן אין די ראַמען פון אַ קורצן צייטונגס־מאמר, האָט ר׳ אהרן געשילדערט די פיל־פאַרביקייט פון זיין גרויסן ברודער׳ס גרויסקייט אויף אַלע געביטן פון תורהדיקן לעבן; ווי אויך פון זיין גרויסער השפעה אויף דער ברייטער וועלט פון תורה און ישיבות אין אַמעריקע, ארץ־ישראל און דער אידישער וועלט בכלל. גאָר אין קורצן – ר׳ יוסף בער האָט ניט איבערגעלאָזט זיינס־גלייכן. אין בדומה לו! מי יתן לנו תמורתו!!

דער אמת איז, אַז וויפיל מען זאָל שרייבן וועגן דער גרויסקייט פון דער פערזענלעכקייט פון ר׳ יאָשע בערן וועט ניט זיין אָנגערירט אפילו אַ טראָפּן פון ים פון זיין גרויסקייט. ס׳האָט שוין אַמאָל איינער בדרך מליצה געזאָגט: מען האָט שוין אַזויפיל געשריבן וועגן דער תורה; מען האָט געפרעגט און געענטפערט, מען האָט געזאָגט גרויסע חידושים און... דאָך זאָגט דוד המלך אין תהילים (קאַפּיטל יט, ח) „תורת ה׳ תמימה״. זי איז נאָך אַלץ געבליבן אַזוי גאַנץ, ווי קיינער האָט זי נאָך ניט אָנגערירט... דאָס גלייכן איז מיטן אַלע פאַרשידענע חכמות. און בדרך מליצה ווילט זיך זאָגן אַז אויך אונזער היינטיקער „יוסי״ – „משמת ר׳ יוסי־בער בטלו האשכולות...״ אין אונזער דור איז ער געווען דער לעצטער וואָס האָט פאַרמאָגט אין זיך די אַלע מידות, מעלות און חכמות, וואָס דער רמב״ם רעכנט אויס אויף אַזאַ מענטש פון „איש האשכולות״.

אַ גוטער ביישפּיל צו זען ווי אַזוי אויך גרויסע רבנים פון ארץ ישראל האָבן אָפּגעשאַצט די פערזענלעכקייט פון ר׳ יאָשע בער סאָלאָווייטשיק, איז אָט־דער עפּיזאָד:

עס איז דערציילט געוואָרן, אַז ווען דער פריערדיקער אשכנזישער הויפּט־רב פון ארץ ישראל הרב אברהם שפּירא שליט״א, האָט זיך געטראָפן צום ערשטן מאָל מיט ר׳ יאָשע בערן אין דער ישיבת רבי יצחק אלחנן אין יאָר 1983, האָט ער זיך צעקושט מיט אים. ער האָט דערביי געזאָגט, אין דער אָנוועזנקייט פון די הונדערטער תלמידים און ראשי ישיבה, „ס׳איז אַ מצוה צו קושן אַ ספר תורה״. אין דעם פאַל איז ר׳ יוסף דוב הלוי סאָלאָווייטשיק געווען די לעבעדיקע ספר תורה.

און איצט אין קורצן עטלעכע ביאָגראַפישע שטריכן:

רבי יוסף בער סאָלאָווייטשיק איז געבוירן געוואָרן י״א אדר, אין יאָר תרס״ג (1903) אין פּרוזשאַני, לעבן בריסק דליטא, וואו זיין זיידע הגאון ר׳ אליהו פיינשטיין, איז געווען פּרוזשאַנער רב. ער איז געווען דער בכור פון זיין פאָטער הגאון ר׳ משה ישיבת ר׳ יצחק אלחנן. ער האָט דאָרט געזאָגט שיעורים ביז ער איז קראַנק געוואָרן מיט אַרום 7 יאָר צוריק.

אין 1960, נאָך דער פּטירה פון הרב הראשי ר׳ יצחק אייזיק הלוי הערצאָג נ״ע, האָט דער דעמאָלסטיקער „זקן הרבנים״ פון ארץ ישראל, הגאון ר׳ ראובן כ״ץ, הויפּט רב פון פתח תקוה, אַפּעלירט צו ר׳ יאָשע־בערן אַז ער זאָל מסכים זיין צו ווערן אַ קאַנדידאַט פאַרן הויפּט־ראַבינאַט פון ישראל. דאָס זעלבע האָט אויך געבעטן פון אים דער אינערן־מיניסטער משה שפּיראָ. אָבער ער האָט ניט אָנגענומען די איינלאַדונג. אין זיינע בריוו צו די צוויי ישראלדיקע פערזענלעכקייטן האָט ער האַרציק דערקלערט די סיבות פאַרוואָס ער קאָן ניט אָננעמען זייער בקשה.

אַזוי איז ער פאַרבליבן אין דער ישיבת ר׳ יצחק אלחנן, וואו ס׳איז געלעגן זיין האַרץ און נשמה. די טויזנטער תלמידים האָבן אים אָפּגעצאָלט מיט דער זעלבער מטבע פון איבערגעגעבנקייט און ליבשאַפט צו זייער גרויסן רבין וואָס האָט זיי געלערנט און מדריך געווען.

מען דאַרף גלייכצייטיק באַטאָנען, אַז די ישיבה און ר׳ יוסף בער זיינען געווען איינס און די זעלבע. זיי זיינען געווען געבונדן „כשלהבת בפתילה״. אָט אַזוי ווי מען קען ניט אָפּטיילן דעם פלאַם פייער פון דער קנויט (פון דער ליכט), אַזוי קאָן מען ניט דערמאָנען די ישיבה אָן ר׳ יאָשע בערן; אָדער ר׳ יאָשע בערן אָן דער ישיבה.

איידער ס׳איז געגרינדעט געוואָרן


# בית תומכי תורה וזקני ישראל
# Home of the Sages of Israel

**25 BIALYSTOKER PLACE, NEW YORK, N.Y. 10002**



ORegon 3-8500

## זכור את יום השבת לקדשו

חיט דעם שבת, און דער זכות פון שבת וועט אונז היטן.

צייט פון ליכט בענטשן

היינט, פרייטיק, 7:32

מוצאי שבת – 8:41

פרשת אחרי־קדושים

## קומט זען מיט די איינענע אויגן אונזער ארבעט

מיר פאַרבעטן אייך צו קומען אויף אַ וויזיט אין אונזער אינסטיטוציע, כדי איר זאָלט זיך איבערצייגן ווי גרויס ס׳איז דער באַזייט פון אונזער אַנשטאַלט.

ווייזט אַרויס אייער ליבשאַפט און איבערגעבנקייט צו די אַלטע תלמידי חכמים און פרומע עלטערע אידן.

## שיקט אייערביישטייערונג היינט!

נעמען פון די גוטהאַרציקע מנדבים וועלן אויסגערופן ווערן אויף אונזער ראַדיאָ פּראָגראַם.

יעדן מיטוואָך 3:45 נ. מ.

יעדן פרייטיק 3:15 נ. מ.

אויף סטעישאָן WEVD-1050 AM



אַפּליקאַציעס אַריינצוקומען אין דער היים ווערן אָנגענומען טעגלעך פון 9 פרי ביז 5 נאָכמיטאָג; פרייטיק ביז 3 נאָכמיטאָג.

# הגאון ר׳ יוסף דוב הלוי סאָלאָווייטשיק, נ״ע

פֿון הרב אהרן בן־ציון שורין

(שלוס פֿון זייט 13)

תורה־לערנען. דער בעסטער ביישפּיל איז – וואו זיינען די אידישע קינדער פֿון צוויי דורות צוריק? וואָרים, אויך דאַן זיינען דאָך געווען רבנים און פֿרומע בעלי בתים אין אַמעריקע. נאָר יענע דורות האָבן ניט געגלויבט...

אָבער דר. רעוועל האָט יאָ געגלויבט!

דאָס זעלבע האָט אויך געגלויבט הרב דר. שמואל בעלקין נ״ע, דער עילוי פֿון ראַדין און מיר, דער ממשיך פֿון דר. דוב רעוועל.

דר. בעלקין האָט געהאַלטן, אַז ווען מען וועט דאַרפֿן אַ אידישן כעמיקער, צי ביאָלאָג, אָדער דאָקטאָר און לאָיער, זאָל מען עס ניט דאַרפֿן גיין זוכן אין פֿרעמדע פֿעלדער. ער האָט עס געוואָלט זען צווישן די פֿיר ווענט פֿון דער ישיבה. ער האָט געוואָלט שאַפֿן אין דער ישיבה די סינטעז פֿון וועלטלעכער בילדונג מיט תורה־אידישקייט צוזאַמען. און דאָ איז אַריינגעקומען די פּערזענלעכקייט פֿון הרב דר. ר׳ יאָשע בער סאָלאָווייטשיק, וואָס אַ דאַנק זיין תורה־געשטאַלט האָט זיך טאַקע געשאַפֿן דער סינטעז פֿון תורה מיט וועלטלעכער בילדונג – נאָר מיט דער תורה אין אויבנאָן, אין דעם שענסטן און העכלעכסטן זין פֿון תורה־אידישקייט, פֿון תורה לערנען אין גייסט פֿון וויסן). און דער פּסוק זאָגט „ועץ החיים בתוך הגן" – און דער עץ החיים איז געווען אין מיטן, אין צענטער פֿון גן עדן.

ווי אַלע וויסן, ווערט די תורה באַטיטולט ווי דער „עץ חיים". ווי שלמה המלך זאָגט אין „משלי": „עץ חיים היא למחזיקים בה". און דער „עץ הדעת", דער בוים פֿון וויסן – לערנט די וועלט – איז „דער בוים פֿון וועלטלעכן וויסן", פֿון וועלטלעכער חכמה. און דאָס, ווערט געוויינלעך באַטאָנט, איז, אייגנטלעך, דער געדאַנק פֿון דעם ישיבה־אוניווערזיטעט. ישיבה – מיינט תורה; און אוניווערזיטעט – מיינט וועלטלעכע בילדונג. די פֿראַגע איז אָבער: וואָס פֿאַרנעמט דעם אויבנאָן אין דער אינסטיטוציע? – און דער ענטפֿער איז „ועץ החיים בתוך הגן"! די ישיבה, וואָס טראָגט דעם נאָמען „עץ חיים" פֿון דער היסטאָרישער וואָלאָזשינער ישיבה, איז דער „עץ חיים" (די ישיבה) „בתוך הגן" אין „צענטער" פֿון דעם ישיבה אוניווערזיטעט.

דער עיקר איז די ישיבה ר׳ יצחק אלחנן; און די בילדונג פֿון אוניווערזיטעט איז בלויז די „פּרפּראות לחכמה". דאָס האָט געשאַפֿן די הערלעכע געשטאַלט פֿון ר׳ יאָשע בער סאָלאָווייטשיק, אַז דער עיקר איז די ישיבה. זיינע שיעורים, זיין תורה. ער, ר׳ יאָשע בער, האָט איינגעשפּאַנט די וועלטלעכע חכמה אין דינסט פֿון דער תורה אין די פֿיר

באַלד נאָך אברהמס מלחמה קעגן דעם קעניג פֿון סדום האָט אברהם געפֿרעגט גאָט: „מה תתן לי ואנכי הולך ערירי?" (בראשית טו, ב) – אין אידיש: וואָס קאָנסטו מיר שוין געבן, אַז איך בין קינדערלאָז און האָב ניט אפֿילו קיין יורש? און גאָט האָט אים געענטפֿערט: „כה יהי׳ זרעך (ככוכבים)" – אַזוי וועלן זיין דיינע קינדער (ווי די שטערן אין הימל). און דער מדרש הגדול (נאָך אַ פֿראַגע) איז מוסיף: אלא כך אמר לו: „לא יפסקו מבניך כיוצא בך". גאָט האָט געזאָגט צו אברהם: דיינע קינדער וועלן זיין אַזוי ווי „דו". „כיוצא בך" – אין „דיין געשטאַלט".

און אַ צווייטער פּסוק (בראשית כד, א): „וה׳ ברך את אברהם בכל" (און גאָט האָט געבענטשט אברהמען מיט אַלצדינג). דער „מדרש הגדול" לייגט אויך דאָ צו אַן ענלעכן קנייטש: ברכה זו שאני מברכך שלא יפסקו מבניך ומבני בניך דוגמא שלך, עד סוף כל הדורות. אין אידיש: גאָט האָט געזאָגט צו אברהם: די ברכה וואָס איך בענטש דיך איז, אַז דיינע קינדער און קינדס־קינדער וועלן אַלע זיין אין דיין דוגמא, אין דיין געשטאַלט, ביז צום סוף פֿון די דורות.

די ישיבה ר׳ יצחק אלחנן האָט געקענט מצליח זיין אין אויסהאָדעווען אין די לעצטע צוויי דורות אָט די וואונדערלעכע פּירות פֿון תורה מיט חכמה; צוזאַמען מיט דער תורה פֿון וואָלאָזשין אויך די חכמה פֿון „האַרוואַרד"; ווייל די תלמידים האָבן זיך ניט באַגרענעצט בלויז צו די פֿיר ווענט פֿון ישיבת ר׳ יצחק אלחנן. זי האָט זיך אויך אַריבערגעגאָסן איבער ווייטע גרעניצן: אויב מיר זעען היינט (ישיבה) סטודענטן מיט יאַרמולקעס אויף די קעמפּוסעס פֿון אַמעריקאַנער אוניווערזיטעטן – און פּראָפֿעסאָרן וועלכע זיינען שטאָלץ מיט זייער אידישקייט און וואָס זיינען אָפּגעהיט אין הלכה פֿון „שולחן ערוך" מיט דער גרעסטער אָפּגעהיטנקייט – איז עס אויך ווידער אַ דאַנק דער תורה־געשטאַלט פֿון ר׳ יאָשע בער סאָלאָווייטשיק זצ״ל. ווייל, ווי געזאָגט, איז ער געווען די תורה־געשטאַלט, ווי אַ ביישפּיל פֿאַר אַ סך אַמעריקאַנער אַקאַדעמיקער; אפֿילו די וואָס האָבן ניט געלערנט אין דער ישיבת ר׳ יצחק אלחנן. ר׳ יאָשע בער איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע פֿיגור פֿון תורה און חכמה און אַ ביישפּיל פֿון תורה־ליכט פֿאַר דורות.

ת. נ. צ. ב. ה. □

# אַ פּראָצעס, וועלכן מאָסקווע און די באַשולדיקטע ווילן אויסמיידן

פֿון אברהם ווילק

(שלוס פֿון זייט 6)

יאָר. די סימנים פֿון שטאַרק נרצן דעם ביטערן טראָפּן האָבן שוין דאַן געלאָזט זיך זען. אין מאָמענט ווען ער האָט אויף דער סאָוויעטישער טעלעוויזיע געהאַלטן דעם אָפֿיציעלן קאָמוניקאַט פֿון דעם כלומרשטן קאָמיטעט, וועלכער האָט איבערגענומען די מאַכט און פּראָקלאַמירט דעם אויסנאַם־צושטאַנד אין דער גאַנצער אימפּעריע, האָט דאָס פּאַפּיר געציטערט אין זיינע הענט, ווי ער וואָלט נישט אַלט געווען 54 יאָר נאָר – איבער 84... ער איז דאַן באַשטימט געוואָרן דורכן קאָמיטעט ווי דער פּרעזידענט פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד נאָכן אַראָפּזעצן גאָרבאַטשאָוו׳ן.

ער האָט דערביי פֿאַרגעסן איין זאַך, אַז ער איז געוואָרן וויצע־פּרעזידענט אַדאַנק דעם, וואָס גאָרבאַטשאָוו האָט אים אויסגעקליבן פֿאַרן הויכן אַמט. האָט נישט איינמאָל געלייקנט די דאָזיקע שקרים.

נישט בלויז אַזאַ ליגן דערציילט דאָרט יאַנאַיעוו. ער רעדט אויך וועגן די סיבות פֿון „דורכפֿאַל" פֿון פּוטש. ער גיט אָבער נישט אָן די אמת׳ע סיבה. די פּוטשיסטן האָבן געוואָלט פֿאַרכאַפּן דאָס רוסישע „ווייסע הויז", וואו ס׳איז געווען דער צענטער פֿון ווידערשטאַנד קעגן פּוטש, מיט יעלצינ׳ען בראש. מאַרשאַל יעווגעני שאַפּאָשניקאָוו האָט, אין אַן אינטערוויו, אויפֿגעדעקט די אמת׳ע סיבה. די מיליטערישע פֿירער פֿון „פּוטש" האָבן פֿאַראָרדנט די לופֿט־כוחות צו פֿאַרכאַפּן מיט כוח דאָס דערמאָנטע „הויז".

שאַפּאָשניקאָוו, ווי דער הויפּט פֿון די לופֿט־כוחות, האָט אָפּגעזאָגט אויסצופֿירן דעם באַפֿעל. ער איז גלייך אַוועק צו מאַרשאַל דימיטרי יאַזאָוו, דעם דעמאָלסדיקן שוץ־מיניסטער און געמאָלדן, אַז ער קאָן דעם באַפֿעל נישט אויספֿירן, ווייל דאָס וועט גורם־זיין אַ

